Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

כט.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## כט.

מיין טאַטנס אויסרעכענונג, דער לכתחילהדיקער פּלאַן פון זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט, איז געווען אַזאַ: אז עובדיה וועט פאָרן אויף זיין חתונה, וועט דעמאָלט ער, דער טאַטע מיינער, אריינגיין צו משה שמערלס בעטן אים, ער זאָל מיר איבערגעבן זיין יינגל אויף צו לערנען מיט אים. דאָס וועט זיין דער ערשטער טריט. רערנאָך...

אָבער דערזעלבער פאַקט, וועלכער האָט דערנענטערט עובדיהס געהאָפטע חתונה, האָט אויך געלייגט אַ שטיין אין וועג פון מיין טאַטנס פּלענער.

יענעם שבת זענען צוויי אורחים געווען אין אַלטן בית-מדרש: משה שמערלס, וועלכער איז צוריקגעקומען פון וועג, און דעם רבס מחותן, וועלכער איז געקומען באַשטימען די חתונה-צייט. דאָס הייסט, אויסצוגלייכן דעם סיכסוך מכּוחן נדן. ר׳חנן-נתנס שונאים האָבן איצט געפונען אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין זייער קעגנער, אין יעדן ווינקל, וואו מ׳האָט זיך געקערט, האָט מען באַרעדט דעם רב און זיין ישיבה, זיך באַמיענדיק, אַז די רייד זאָלן דערהערט ווערן דורכן מחותן, דעם אורח. ר׳ חנן-נתן האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און האָט באַצאָלט זיינע פיינט אויך מיט דערזעלבער גאָב, אָבער אויך די צונג פון די שונאים האָט זיך נישט געפונען אונטער אַ פּאַר-ריגלטער טיר.

— אַט האָסטו דיר אַ רב ביי יידן! ישיבות גרינדעט ער! מצוות וויל ער כאַפּן! און פאַרוואָס גיט ער נישט אַכטונג אויף זיין זון, דעם גרויסן צדיק, וואָס פאַרנעמט זיך

מיט ביבליאָטעקעס, מיט פֿינאַנדערטיילן ביכער צווישן די ישיבה־בחורים, כּדי זיי צו מאַכן פֿאַר גוֹיִם!

דידאָזיקע טענות האָבן אינגאַנצן אונטערגעבראָכן ר׳ חנן־נתנס שטאָלץ, און עובדיהס חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף איינעם פֿון די ערשטע טעג פֿון נאָענטסטן חודש...

אָבער דידאָזיקע געשעעניש האָט נישט געווירקט צום גוטן אויפֿן גאַנג פֿון מיין טאַטנס „געשעפֿט“. בעת דער מהומה האָט ר׳ צבי גלותזאָן געפֿונען פֿאַר זיין פֿליכט אויפֿמערקזאַם צו מאַכן זיין שוואָגער, ער זאָל אויך אַכטונג געבן אויף זיין יעקבן, וועלכער איז אויך אַביסל אַראָפּ פֿונעם דרך־הישר, און באַזונדערס דאַרף מען אים דערוויטערן, למען השם, פֿון „דעם מלמדס זון, וואָס קיין גוטס וועט פֿון אים נישט אַרויס“.